ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת בשלח

אידיש

**516**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# ששה-עשר

**• בשלח •**

❀

די צוואה פון רבי אליעזר הגדול צו זיין זוהן הורקנוס, מיט נאָך 83 פירונגען און מילי דחסידותא - פון דעם מחבר ז"ל.

❀

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

# אינהאַלט
## פון זעכצענטער פרק


א. די צוואה פון רבי אליעזר הגדול צו זיין זוהן הורקנוס ........................................................ ג

ב. נאָך 83 פירונגען און מילי דחסידותא -- פון דעם מחבר ז"ל......................................................... טו

# פרק ששה-עשר

**ישמחו הצדיקים,** עס זאָלן זיך פרייען די צדיקים און חסידים, וואָס לאָזן איבער נאָר זיך אַ זעלכע זאַכן, וואָס דורך זיי קען דער מענטש וויסן צו דינען זיין באַשעפער.

## די צוואה פון רבי אליעזר הגדול צו זיין זוהן הורקנוס

**א. הביטו,** זעהט, וואָס רבי אליעזר הגדול האָט געבעטן זיין זון הורקנוס צו לערנען אים די וועגן פון באַשעפער. און האָט דאָס געטאָן נאָנט צו זיין טויט, ווייל דעמאָלט ווערן די רייד בעסער אָנגענומען, ווייל די שכינה איז צוקאָפּנס פון דעם קראַנקן, ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט, און רבי אליעזר האָט דאָס אָפּגעלערנט פון יעקב אבינו, וואָס ער האָט זיינע קינדער געשטראָפט פאַר זיין טויט.

**אמרו,** די חכמים האָבן געזאָגט, אַז רבי אליעזר הגדול איז קראַנק געוואָרן, זענען די חכמים צו אים אַריין געגאַנגען ווי ער האָט זיי דערזעהן, האָט ער געזאָגט, איך וואונדער מיך אויף די חכמים פון דעם דור, אויב זיי וועלן שטאַרבן מיט זייער טויט, האָבן זיי געפרעגט, רבי, פאַרוואָס? האָט ער געזאָגט, ווייל איר האָט מיך נישט באַדינט.

**אחר,** דערנאָך, איז אַריין געקומען רבי עקיבא, האָט רבי אליעזר געזאָגט, פאַר וואָס ביסטו נישט געקומען מיך באַדינען, האָט רבי עקיבא געזאָגט, ווייל איך האָב קיין צייט נישט געהאַט, האָט רבי אליעזר צו אים געזאָגט, עקיבא, איך וואונדער מיך אויב דו וועסט שטאַרבן מיט דיין טויט, זענען דערשראָקן געוואָרן די גלידער פון רבי עקיבא און צו אים געזאָגט, רבי, לערן מיט מיר. אין דער זעלביגער צייט האָט ער אים געלערנט דריי הונדערט הלכות פסוקות אין "בהרת עזה כשלג".

**ב. קרא,** האָט ער גערופן זיין זון הורקנוס און האָט אים געשטעלט ביי זיין רעכטע האַנט, האָט רבי אליעזר געוויינט און האָט

געזאָגט, מיין זון, ביז אַהער האָב איך מיך מיט דיר געפירט מיט רוגז, און האָב דיר נישט געוויזן קיין פריילעך פנים, כדי דיך צו צווינגען די פאָרכט פונעם באַשעפער, און אַצינד מיין זון, וויבאַלד איך גיי אין זיסקייט און שיינקייט פון גאָט, קום וועל איך דיך לערנען די וועג פון לעבן.

**ג. פתח,** האָט רבי אליעזר אָנגעהויבן, **"ה' שמעתי שמעך יראתי"**, גאָט, איך האָב געהערט און האָב מיך געפאָרכטן.

**בני,** מיין זון, טו כבוד צו גאָט, און גיב אים אַ לויבינג, און געדענק אַז ער האָט דיך באַשאַפן, און ער האָט דיך געברענגט אויף דער וועלט, ער באַדאַרף צו דיר נישט, און דו באַדאַרפסט צו אים יאָ.

**ד. בני,** מיין זון זאָלסט נישט גלייבן אין דיר זעלבסט, ביז אין דיין טויט, כלומר, ווען דו ביסט פיל צייט פרום, זאָלסטו נישט טראַכטן מן הסתם וועל איך ווייטער אויך פרום זיין, נאָר דו מוזט אַלע צייט מלחמה האַלטן מיט דעם יצר הרע, ער זאָל דיך נישט פאַר פירן ח"ו, און זאָלסט נישט גלייבן אין די רעה פון דיין גוף אויף דער וועלט, דען פיל מענטש האָבן זיך געלייגט אויף זייער בעט שלאָפן, און זענען נישט אויפגעשטאַנען. פיל האָבן זיך געלייגט אויף דעם בעט פריילעך, און מיט גוטע הערצער, און זענען אויף געשטאַנען מיט בייזע קראַנקהייט. פיל האָבן זיך געלייגט אויף זייער בעט געזונד, און זענען אויף געשטאַנען מיט פיל ווייטאָג.

**ה. בני,** מיין זון, זאָלסט נאָכגיין די תלמידי חכמים, זאָלסט זיך נישט פאַרלאָזן אויף דיין דיעה, און אויך טאָרסטו נישט זאָגן צו די חכמים, זייט מקבל מיין דיעה.

**ו. בני,** מיין זון, פאָרכט זיך פאַרן גאָט פון דיינע עלטערן, און דין אים, און זיי געוואָרנט אין קריאת שמע פון מעריב און אין תפלת שחרית, ווי אונזערע ערשטע אבות האָבן מתקן געווען, דאָס זענען אברהם יצחק ויעקב, אין די תפלה פון מעריב טו צום ערשטן פון

אלע תפילות, ווייל יעקב אבינו האָט זי מתקן געווען, און גאָט האָט אים געמאַכט העכער פון אַלע אבות ווי עס שטייט אין פסוק "**והנה ה' נצב עליו**" גאָט איז געשטאַנען ביי אים און האָט צו אים געזאָגט "**אני ה' אלהי אברהם אביך ואלהי יצחק**" איך בין דיין גאָט דער גאָט פון דיין פאָטער אברהם, און דער גאָט פון יצחק, האָט ער צום ערשטן דערמאַנט זיין הייליגן נאָמען אויף יעקב, און דער נאָך אויף אברהם און יצחק.

**בני,** מיין זון, זאָלסט זיין גרינג ווי אַ הערש, און זיי נישט פויל צו ליינען קריאת שמע אין דער ריכטיגער צייט, דאָס איז, ווען די זון גייט אויף, און וואַרט נישט ביז דעם שיעור וואָס די חכמים האָבן געגעבן, דאָס איז ביז דריי שעה אויף דעם טאָג, ווייל די זריזים פעדערן זיך צו די מצוות, און דער וואָס ליינט ק"ש אין איר ריכטיגער צייט, דער גיט אָפּ כבוד צו זיין באַשעפער.

**ז. בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט צו ליינען ק"ש פאַר דו לייגסט זיך שלאָפן, און צו הייליגן דיך, און לויבן צו דיין באַשעפער, דען וועסטו ליגן און דיין שלאָף וועט דיר זיס זיין, און נאָך דעם אַז דו וועסט דיך הייליגן מיט דער ק"ש זאָלסטו נישט רעדן קיין דברים בטלים, און אויך מיט דיין ווייב זאָלסטו דעמאָלט נישט רעדן, ווייל דו האָסט דיך שוין געהייליגט אין דעם הייליגקייט פון דיין באַשעפער, ווייל דיין נשמה וועט אַרויף גיין אין הימל, און אַז דו וועסט זיך אויף כאַפּן, וועט זי זיין דיין פירשפּרעכער.

**ח. בני,** מיין זון, אַז דו וועסט זיך אויף כאַפּן פון דיין שלאָף אין האַלבע נאַכט, דענמאָלט מעגסטו רעדן מיט דיין ווייב מיט הייליקייט, און זאָלסט נישט רעדן קיין ניבול פה, ווייל דו וועסט מוזן אָפּ געבן דין און חשבון אויף דעם רעדן וואָס דו רעסט מיט דיין ווייב. און אַז דו וועסט זיך אויף כאַפּן פון דיין שלאָף, זאָלסטו נישט טראַכטן שלעכטע מחשבות, ווייל דאָס וועט דיך ברענגן צו אַ שלעכטע מעשה,

און ווי גוט און זיס איז אַז גאָט גייט מיט די צדיקים אין גן עדן, אַז דו זאָלסט אויך זיין צווישן זיי, און אויב דו וועסט זיין מיט זיי, דען וועט דיר וואויל זיין אויף עולם הזה און גוט זיין אויף עולם הבא.

**ט. הוי,** זיי געוואָרנט, צו שטעלן אַ כלי מיט וואַסער ביי דיין בעט, און אַז דו וועסט אויפשטיין אין דער פרי, זאָלסטו נישט נעמען קיין שום קלייד אָנצוטאָן אום געוואַשן (די הענט), און זאָלסט אויך נישט נעמען קיין שום קלייד פון אַזעלכע וואָס האָבן זיך נישט געוואַשן, ווייל דער רוח הטומאה רוהט אויף די הענט, און זאָלסט מיט די הענט נישט אָנרירן דיינע אויגן אום געוואַשן, ווייל טאָמער וועלן פיל לייט געשטרויכלט ווערן דורך דיין ראייה, ווייל קיין ברכה רוהט נישט אויף אַזעלכע אויגן וואָס האָבן מקבל טומאה געווען.

**זאָלסט** געוואָרנט זיין אויסרייניגן דיין גוף, כדי זאָלסט אים נישט פאַר אומווערדיגן, און זאָלסט נישט זיין פאַר'מיאוס'ט פאַר השי"ת.

**בני,** מיין זון, זיי געווארנט צו וואַשן זיך צום עסן, ווייל דער וואָס איז מזלזל אין נטילת ידים, דער איז מנודה צו השי"ת, און האָט קיין חלק נישט אויף עולם הבא. און אַז דו וואַשט דיינע הענט, זאָלסטו זיי אויפהייבן און לויבן דיין באַשעפער, און זאָלסט קיין ברכה נישט מאַכן, ביז די הענט זאָלן זיין געוואַשן, ווייל מען טאָר נישט דערמאַנען גאָט'ס נאָמען אז די הענט זענען איינגעריכט און מיאוס. און זאָלסט זיך נישט וואַשן דורך אַזעלכע וואָס האָבן זיך נישט געוואַשן.

**י. בני,** מיין זון, אַז דו קליידסט אָן אַ מלבוש, זאָלסטו נישט טאָן דאָס, אָן אַ ברכה מלבוש ערומים, ווייל אַזוי ווי דער מענטש מוז מאַכן אַ ברכה איבערן עסן, ווייל ער האָט הנאה, אַזוי מוז מען אַ ברכה מאַכן איבערן קלייד, ווייל ער האָט הנאה פון דעם. און דער וואָס מאַכט נישט קיין ברכה איבער זיינע קליידער, דער וועט זיך אָנקליידן

מיט ווערים און מיט ערד אין קבר, און די ווערים זענען אַזוי מצער אַ טויטן, ווי מען שטעכט מיט אַ נאָדל אַ לעבעדיגן.

**יא. בני,** מיין זון, זאָלסט זיך אַיינהילן אין אַ טלית מיט ציצית, און דער וואָס וויקלט זיך נישט איין מיט אַ טלית אויף זיינע קליידער, ווערן די קליידער אָנגערופן פאַלשע קליידער.

**בני,** מיין זון, גרייט דיך ריכטיג קעגן גאָט, דיין גאָט, און גיב די קרוין פון שיינקייט אויף דיין קאָפּ, דאָס זענען די תפילין של ראש, וואָס אין זיי איז פאַראַן דער שם "הוי"" פון באַשעפער, און קניפּ אָן אויף דיין אָרעם די חתימה פון זיין געשטאַלט, דאָס איז די תפילין של יד. אַ בת קול גייט אַרויס אַלע טאָג, און זאָגט דערקענט די וואָס טראָגן די כלים פון גאָט, און דריי מלאכים גייען אַרויס פאַר דעם מענטש, און רופן אויס גיט אָפּ כבוד צו דער צורה פון דעם צדיק וואָס די שכינה פון גאָט רוהט אויף זיין קאָפּ.

**יב. בני,** מיין זון, דו זאָלסט נישט גיין גאַנץ-פרי אין דיין חבר׳ס הויז אַריין, אים בענטשן, אדער אים שלום געבן, ווייל וואָס בענטשט פריער זיין חבר איידער ער דאַוונט, דער גיט דעם שפחה די כבוד פון דעם האַרנטע.

**בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט, דו זאָלסט זיין פון די צען וואָס קומען צו ערשטן אין שוהל, כדי דו זאָלסט נעמען שכר קעגן די אַלע צען, און יעדער באַזונדער פון די צען, נעמט שכר קעגן צען. ממילא זיי אַלע נעמען שכר קעגן הונדערט. וואויל איז צו די דאָזיגע, וואָס ווערן געציילט מיט די ערשטע צען.

**יג. בני,** מיין זון, אַז דו גייסט אַריין פאַר דיין באַשעפער זאָלסטו אַריין גיין מיט פאָרכט, און אַז דו טוסט תפלה, ווייס פאַר וועמען דו שטייסט.

**בני,** מיין זון, אַלע דיינע איברים זאָלסטו רירן בשעת אַז דו זאָגסט אמן יהא שמיה רבא און קדושה, און מיט גרויס כח כדי צו

באַצווינגן דיין יצר הרע צו גוטן, ווייל עס שטיט אין פסוק **"כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך"** אַלע מיינע ביינער טוען זאָגן גאָט, ווער איז גלייך צו דיר.

**יד. בני,** מיין זון, דו זאָלסט גאָרנישט רעדן אין בית המדרש, און נייג דיינע אויערן, און הער צו די רייד פון די חכמים, און זיי נישט מבזה קיין שום זאַך, און קיין שום מענטש, ווייל איינער קען נישט אַוועק נעמען דאָס וואָס איז באַשערט פאַר זיין חבר, און קיין שום מענטש קען נישט מחדש זיין אַ זאַך אין דער תורה, אַזעלכעס וואָס זיין חבר איז אָנגעגרייט דאָס מחדש צו זיין, ווייל אַלץ איז אָנגעגרייט פון השי"ת, פון דעם טאָג אָן וואָס די תורה איז באַשאַפן געוואָרן.

**טו. בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט צו מבקר חולה זיין, און דער וואָס טוהט דאָס, איז גורם די קראַנקהייט גרינגער צו מאַכן, און זע זיך צו פלייסן מיט אים, ער זאָל תשובה טאָן צו זיין באַשעפער, און זיי מתפלל אויף אים ער זאָל געזונט ווערן, און דערנאָך גיי אַוועק פון אים, כדי דיין זיצן זאָל אויף אים נישט שווער זיין, ווייל עס איז גענוג פאַר אים דאָס שווערינקייט פון זיין קרענק. און אַז דו גייסט אַריין צו אַ חולה, זאָלסטו אַריינגיין מיט שמחה, ווייל זיין האַרץ און זיינע אויגן זענען אויף די וואָס גייען אַריין צו אים.

**טז. בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט אַרויסצופירן א מת, אים צו באַגראָבן, און אים אַריין ברענגען אין די הענט פון זיין באַשעפער, ווייל דאָס איז אַ גרויסע מצוה, און דער וואָס טוט חסד חנם, טוהט השי"ת מיט אים אויך חסד חנם.

**יז. בני,** מיין זון, זיי געוואַרנט צו מנחם-אבל זיין, און אויסצורעדן זייער שמערץ, ווייל די חברים פון איוב זענען געשטראָפט געוואָרן, נאָר, ווייל זיי האָבן גערעדט צו אים צאָרנדיגע רייד און נישט קיין טרייסטונג.

**יח. בני,** מיין זון, עס איז בעסער צו גיין אין אַ טרויער-הויז, איידער צו גיין אין אַ לוסט-הויז, וואָס דאָרט איז אַ חתונה אָדער אַנדערע שמחה, כדי דו זאָלסט זעהן וואָס דער סוף פון דעם מענטש איז, און צו פאַרגיסן טרערן פון דיינע אויגן. ווייל דער וואָס פאַרגיסט טרערן אויף אַן ערליכן מענטש, שטאַרבן נישט זיינע קינדער ביי זיין לעבן.

**יט. בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט אַריינצובריינגען אַ כלה אונטער דער חופה, דאָס הייסט צו העלפן מיט געלד און טירחא, אז זי זאָל גיין אונטער דער חופה, און פריילעך מאַכן אַ חתן, ווייל דער וואָס מאַכט אים פריילעך, איז גלייך ווי ער האָט מקבל געווען די תורה פון באַרג סיני.

**כ. בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט צו געבן כבוד אַן אָרעמאַן, און אים געבן צדקה, אַז קיינער זאָל נישט זעהן, און נישט בפרהסיא, און גיב אים עסן און טרינקן אין דיין הויז, און פאַרהויל דיינע אויגן פון קוקן אויף אים בשעת ער עסט, ווייל ער איז הונגעריג, און אַז דו וועסט אויף אים קוקן וועט ער זיך שעמען צו עסן.

**בני,** מיין זון, דו זאָלסט נישט פאַרשטויסן דעם אָרעמאַן מיט דיינע רייד, ווייל גאָט וועט קריגן זייער קריג, און די זינד איז גורם אין הימל צו פיל צאָרן, און זיינע זינד ווערן אַנטפלעקט צום שלעכטן, און קיין מליץ ווערט אויף אים נישט געפונען. און דער וואָס טוט ווי דער ווילן פון דעם אָרעמאַן איז, און רעדט מיט אים גוטע רייד, דער מאַכט פיל מליצים אין הימל, און אַלע זענען מליץ אויף אים גוטס.

**כא. בני,** מיין זון, גרייט דיר אָן שפייז פאַר דער נשמה, און צינד אָן אַ ליכט אַז עס זאָל לייכטן פאַר דיר און נישט עס זאָל לייכטן נאָך דיר, ווייל טאָמער וועלן אַנדערע נישט קענען דאָס לייכטן, וועט דיר זיין פינסטער. דאָס מיינט מען צדקה טאָן מיטן געלט ביים לעבן, כדי עס זאָל אים לייכטן אויף עולם הבא, און זאָל נישט לאָזן

דאָס געלט צו זיינע קינדער און טראַכטן אַז זיינע קינדער וועלן געבן צדקה נאָך זיין טויט פאַר זיין נשמה וועגן. ער זאָל אזוי נישט טאָן, ווייל אפשר וועלן זיי נישט געבן.

**כב. בני,** מיין זון, זאָלסט נישט פאַרשטאָפּן דיינע אויערן צום געשריי פון אַן אָרעמאַן, ווייל אַז דו וועסט צו הערן זיין געשריי, וועט השי"ת צו הערן דיין קול, ווען דו שרייסט צוליב אַ צרה, ווייל דער וואָס פאַרשטאָפּט זיינע אויערן צום געשריי פונעם אָרעמאַן, וועט ער אויך שרייען צו השי"ת, און ער וועט אים נישט ענטפערן.

**כג. בני,** מיין זון, אין אַלע דיינע תפילות זאָלסטו זיך מאַכן פאַרן באַשעפער פאַר אַן עני ואביון. ווייל דו האָסט זיכער פיל מקטריגים אויף דיר, אַזוי ווי יעקב האָט געטאָן און האָט געזאָגט "**ויהי לי שור וחמור**", און איך פאַרמאָג אַן אָקס און אַ אייזעל. דאָס מיינט, איך בין ווי אַן אָרעמאַן. און דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט "**כי עני ואביון אני**", איך בין אַן אָרעמער און אַ נויט באַדעפטיגער. און זיי מקיים אין דיר "**אל תתהדר לפני מלך**", דו זאָלסט זיך נישט באַשיינען פאַרן קעניג.

**בני,** מיין זון, זאָלסט מכבד שבת זיין מיט עסן און טרינקען לויט דיין פאַרמעגן, און די סעודה פון פרייטאָג צו נאַכט זאָלסטו מאַכן מער פון דיין יכולת, און זיי געוואָרנט אין דער דריטער סעודה פון שבת. אויך זיי געוואָרנט גאָר ווייניג צו רעדן אום שבת, ווייל אויף דעם אַלעמען וועסטו מוזן אָפּגעבן דין און חשבון פאַרן באַשעפער.

**כד. בני,** מיין זון, זאָלסט נישט אַריינגיין אין דיין הויז פלוצלונג, און מכל שכן אין דיין חבר'ס הויז, און זאָלסט נישט האַלטן קיין איבעריגע פאָרכט אין דיין הויז, ווייל די פאָרכט איז גורם פיל שלעכטס.

**בני,** מיין זון, טוה אָפּ כעס פון דיין האַרץ, ווייל כעס טוט רוען ביי די נאַרישע מענטשן.

**בני,** מיין זון, האָב ליב די חכמים, און גיי זיי נאָך, און פלייס דיך צו קענען דיין באַשעפער, און זיי געוואָרנט צו געבן שלום צו אַלע מענטשן, און רעד אמת.

**בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט צו זיין בצניעות אין בית הכסא, און זאָלסט דיין צורך נישט טאָן אין אַ אָפן אָרט.

**כה. בני,** מיין זון, אַז דו זעצט דיך עסן ביי דיין טיש, ווייס אַז דו זיצט פאַר השי"ת. דו זאָלסט נישט זיין אַ חצוף און אַ פרעסער.

**בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט אין מים ראשונים און מים אחרונים, ווייל מען באַדאַרף זיי ביידע נייטיג. אַז די מענטשן ביים טיש עסן, און דו ווילסט טרינקן, זאָלסטו נישט מאַכן די ברכה אויפן ווייַן גאַנץ הויך, ווייל זיי וועלן מוזן ענטפערן אמן אויף דער ברכה, וועט חלילה איינער זיך דערווערגן, און זאָלסט נישט רעדן אין מיטן עסן אַפילו דברי תורה. און זיי געוואָרנט צו לערנען ביים טיש נאָכן עסן.

**בני,** מיין זון, אַז דו וועסט אַריין גיין צו אַ חולה און ער האָט נישט קיין געלט, זאָלסטו נישט אַריין גיין מיט ליידיגע הענט. און אַז ער ווערט געזונד, זאָלסטו אים דערנענטערן דאָס עסן, וועט דיר גערעכנט זיין, גלייך ווי דו האָסט אים געזונט געמאַכט, און האָסט אים אומגעקערט זיין נשמה, און דער באַשעפער וועט דיר באַצאָלן אַ שכר פאַר דעם.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט אַנטפלעקן קיין סוד צו דיין ווייב, און זאָלסט זיין אַ וואָרהאַפטיגער מענטש קעגן יעדן איינעם, און זאָלסט נישט מגלה זיין דעם סוד פון דיין חבר, אפילו בשעת דו קריגסט זיך מיט אים, מכל שכן אַז ער איז מיט דיר בשלום.

**כו. בני,** מיין זון, דו זאָלסט ענדערש עסן גראָז, און זאָלסט נישט בעטן קיין צדקה פון מענטשן, זאָלסט בעסער בעטן צו דיין באַשעפער, ווייל אַלץ איז אין זיינע הענט.

**בני,** מיין זון, זאָלסט בעסער זיך ווינטשן דעם טויט, איידער דאַרפן אָנקומען צו מענטשן, און זאָלסט זיין געוואָרנט מגדל צו זיין דיינע קינדער צו לערנען תורה, ווייל דורך דעם וועסטו זוכה זיין צו עולם הבא. און זאָלסט נישט גיין אונטער אַ פּרוי אין גאַס, און זאָלסט נישט דורכגיין צווישן צוויי פרויען. און זיי געוואָרנט נישט צו דערצערענען אַ תלמיד חכם, ווייל צו זיין צאָרן איז קיין רפואה נישט דאָ, זיין צאָרן איז טויט, און זיין ווילן איז לעבן.

**כז. בני,** מיין זון, דו זאָלסט נישט גיין אַליין, און זאָלסט נישט משפּט׳ן אַליין, און זאָלסט נישט עדות זאָגן אַליין, און זאָלסט נישט זיין אַ עדות און אַ דיין צוזאַמען, ווייל עס פּסק׳נט קיינער נישט אַליין, נאָר דער איינציגער גאָט.

**בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט פון דעם געשריי פון אַ יתום און אַ אלמנה, ווייל השי״ת איז דער פאָטער פון יתומים און אַ דיין אלמנות. דו זאָלסט זיי נישט באַ׳גזל׳ענען, ווייל דער מענטש וואָס גזל׳ט ביי יתומים און אלמנות, נעמט השי״ת אַוועק דאָס לעבן ביי אים.

**כח. בני,** מיין זון, אַלע דיינע זינד לייג אין אַ וואָגשאָל, און דיין תשובה לייג אין דער אַנדערער וואגשאל, און דער נאָך זיי זיך מתוודה און זיי מתפלל פאַרן באַשעפער, כדי די וואגשאָל פון תשובה זאָל איבערוועגן.

**בני,** מיין זון, דער ווייטער זיך פון אַ בייזען שכן, און פון אַ מענטש וואָס האָט אַ שלעכטן נאָמען, ווייל אַזוי ווי מען זאָגט אויף אים אויף דער וועלט, אַזוי זאָגט מען אויף אים אין הימל.

**כט. בני,** מיין זון, אַז דיין פיינט טוהט פאַלן, זאָלסטו זיך נישט פרייען, ווייל טאָמער וועט דאָס דעם באַשעפער נישט געפעלן, וועט ער אָפּטאָן דעם צאָרן פון אים און אים ווענדן צו דיר. נאָר אַז דיין פיינט איז הונגעריג, מאַך אים עסן ברויט.

**ל. בני,** מיין זון, זאָלסט נישט נאָך יאָגן נאָך הערשאַפט, ווייל אַלץ איז מען גוזר פון הימל, און צו וועמען ער וועט וועלן וועט ער עס געבן. יעדן טאָג רופט השי"ת אַליין אויס דערויף.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט זיין צו דיין חבר, ווי אַ פליג וואָס לאָזט אָפּ דאָס געזונטע פלאַץ, און שטעלט זיך אויף דער נגע. אויב דו ווייסט עפעס אַ שלעכטע זאַך אויף דיין חבר, זאָלסטו דאָס נישט מגלה זיין, נאָר דעק צו דיין חבר'ס נגע.

**בני,** מיין זון, דו זאָלסט אייביג לויפן צו טאָן אַ מצוה, און קיין מצוה זאָל נישט גרינג זיין אין דיינע אויגן, און זאָלסט נישט זאָגן די מצוה איז גרינג, און די איז האַרב, ווייל דו ווייסט נישט דעם שכר פון מצות, און אלע דיינע מעשים זאָלן זיין פון אויבערשטענ'ס וועגן.

**לא. בני,** מיין זון, דו זאָלסט נישט זיין צו אַ גרויסער צדיק און צו אַ גרויסער רשע, און נישט קיין גרויסער ביישן, און זאָלסט זיך נישט דערבאַרעמען איבער אַ רשע. אין אַלע זאַכן זאָלסטו זיין אַ ביישן, נאָר אויף אַזאַ אָרט ווי עס איז געוועגליך אַ היזק, זאָלסטו נישט זיין קיין ביישן.

**בני,** מיין זון, אייביג זאָלסטו זיצן אין בית המדרש, כאָטש דיינע חברים שפעטן אויף דיר.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט זיצן אין דער חבורתא וואָס רעדן שלעכטס אויף זייערע חברים, און זענען בעלי לשון הרע, ווייל די אַלע ווערן פאַרשריבן און הימל, אין בוך פון רשעים.

**לב. בני,** מיין זון, דו זאָלסט נישט טרינקן קיין איבער-גענעכטיגטע וואַסער, נישט צוגעדעקט, און זאָלסט נישט עסן קיין עסן פון די הענט פון אַ מענטש. און אַז דו ווילסט משתין זיין, און עס שטייען פיל מענטשן, קענסטו פאַר זיי משתין זיין, ווייל עס איז אַ סכנה איינצוהאַלטן זיך, און זאָלסט נישט טרינקן קיין וואַסער אַפילו פאַר איין מענטש.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט קאָכן אין אַ טאָפּ וואָס דיין חבר האָט אין אים געקאָכט, דאָס מיינט: זאָלסט נישט נעמען קיין אלמנה, און מכל שכן אַן אלמנה פון צוויי מענער רח״ל.

**לג. בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט נישט צונעמען אַ פּרוי וואָס איז נישט ראוי פאַר דיר. ווי איז צו דעם וואָס פסל׳ט זיינע קינדער: ער נעמט אַ ווייב פון אַ משפּחה וואָס אין איר איז דאָ אַ פּסול.

**בני,** מיין זון, דו זאָלסט נישט שלאָפן ביינאַכט אַליין אין אַ שטוב, כדי עס זאָל דיר נישט שאַטן.

**בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט, צו דערציען דיין זון צו תורה, און זאָלסט אים נישט אַוועק נעמען פון לערנען, וועלן דיינע טעג נישט אַוועקגענומען ווערן פון דער וועלט.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט טרינקן ביינאַכט אויף געדעקטע וואַסער, ווייל עס זענען דא מקטריגים אויף דער וועלט, און שטרויכלען מענטשן.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט זיצן תמוז און אָב אין שאָטן פון דער זון, און אוודאי נישט שלאָפן, און זאָלסט נישט שלאָפן קעגן דער לבנה. גאָט זאָל דיר אָפּהיטן פון אַלעם בייזן.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט עסן קיין געקעכטס פון אַזאַ טאָפּ, וואָס מען האָט אין אים נישט געקאָכט דרייסיג טעג.

**בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט פון יעדן עסן, צו געבן אַ חלק צו דיין באַשעפער, דאָס מיינט צו אָרעמע לייט, דעריבער נעם פון בעסטן חלק וואָס איז דאָ אויף דיין טיש צוגעבן פאַר אָרימעלייט[א], און זאָלסט נישט שעלטן איינעם אונטער די אויגן, און זאָלסט זיך פאָרכטן פאַר דיין גאָט.

---

א) כמבואר ברמב״ם בפרק אחרון מהלכות איסורי המזבח (הלכה י״א), וז״ל: והוא הדין לכל דבר שהוא לשם הא-ל הטוב והמטיב שיהיה מן המובחר ומן

**בני,** מיין זון, זאָלסט וויסן, אַז דאָס פאַרזיכערונג פון די צדיקים איז, דאָס גוטס וואָס איז פאָרגעברייט פאַר זיי אויף עולם הבא, און דאָס איז אַן אָרט וואָס קיין ברי' קען דאָרט נישט שטיין, נאָר די הייליגע נשמות, און עס איז באַשאַפן געוואָרן פריער פון דער וועלט.

**נאָך 83 פירונגען און מילי דחסידותא – פון דעם מחבר ז״ל**

**לד. ואלה,** און דאָס זענען די זאַכן וואָס איך, דער מחבר, פלעג אין זיי נזהר זיין, און עס איז מיר געפעלן זיי צו שרייבן, און זיי העלפן זייער פיהל, צו אַלע מענטשן.

**לה. בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט, אַז דו וועסט קומען אין דיין חבר׳ס הויז, זאָלסטו נישט קוקן אויף זיין כלי בית, און נישט אויף קיין שום זאַך, און מכל שכן אויף זיין ווייב און טעכטער, און אויך זאָלסט נישט צו שאַרף אַראָפּהאַלטן דיינע אויגן, ווייל דאָס איז אויך אַ שלעכטע מדה. ווען דו עסט ביי דיין חבר, זאָלסטו נישט לויבן דאָס עסן וואָס דו האָסט געגעסן ביי אַן אַנדערן, און מכל שכן דו זאָלסט נישט זאָגן דאָס עסן איז גוט, און דאָס עסן נישט.

**לו. אל,** זאָלסט נישט קומען, אין דיין חבר׳ס הויז, ווען קיינער איז דאָרט נישטאָ, ווייל טאָמער וועט עפּעס פעלן, כאָטש זיי וועלן זיך שעמען דיר צו זאָגן, וועלן זיי אבער דיך חושד זיין אין האַרץ.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט לויבן דיין ווייב פאַר דיין חבר, טאָמער וועט ער פיינט באַקומען זיין ווייב.

**בני,** מיין זון, אין דער שטוב וואָס דו ביסט געוואוינט אַריינצוגיין, און זעהסט אַז זיי זענען זיך נישט נוהג ריכטיג, זאָלסטו זיי מוסר

---

הטוב, אם בנה בית תפלה יהיה נאה מבית ישיבתו, האכיל רעב יאכיל מן הטוב והמתוק שבשולחנו, כסה ערום יכסה מן היפה שבכסותו, הקדיש דבר יקדיש מן היפה שבנכסיו, וכן הוא אומר כל חלב לה׳, עכ״ל, אז מקבל שכרו משלם.

זאָגן און זאָלסט זיי נישט חנפ'ענען. ווייל עס איז מעגליך אז ווען זיי זאָלן וויסן אז מען טאָר דאָס נישט, וואלטן זיי עס נישט געטאָן.

**בני,** מיין זון, אַז דו גייסט אַריין אין דיין חבר'ס הויז און דו זעסט אים טון אַ עבירה, זאָלסטו אים נישט שטראָפן פאַר זיין ווייב. און זאָלסט זיך נישט לויבן פאַר זיין ווייב, ווייל טאָמער וועט זי פאַר'מיאוס'ן איר מאַן.

**אין** אַ הויז, וואָס דו קומסט אָפט, זאָלסטו ניט פרעגן צופיל שאלות, און זאָלסט נישט פיל רעדן מיט זיין ווייב און טעכטער, און מכל שכן אונטער איר מאַן. און אַז זי הויבט אָן מיט דיר צו רעדן, זאָלסטו איר ענטפערן מיט אַ הויך קול, כדי איר מאַן זאָל דיך נישט חושד זיין, דאָס עס איז אַ פאַרבאָרגעניש צווישן אייך.

**בני,** מיין זון, אַז דו קומסט צו גאַסט, זאָלסטו נישט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, נאָר צום עסן, ווייל טאָמער וויל דער בעל הבית טון אַ זאַך וואָס דו זאָלסט נישט וויסן, און אַז ער רעדט מיט זיין ווייב, זאָלסטו נישט אַריין רעדן.

**בני,** מיין זון, אַז דו גייסט מיט דיינע חברים צוגאַסט, זאָג זיי דאָס אויב איר וועט זעהן אין מיר אַ מיאוסע זאַך, זאָלט איר דאָס מיר זאָגן, איך זאָל זיך היטן דאָס נישט צו טאָן. זיי געוואָרנט אַז דו עסט אויף דיין חבר'ס טיש זאָלטו נישט דערציילן קיין גנאי פון קיין מענטש, ווייל ער וועט טראַכטן, מאָרגן וועט ער דערציילן פון מיר ביי אַן אַנדערן טיש. אַז דו וועסט זען, דער בעל הבית קויפט נייע כלים, מאַך דיך גלייך ווי דו ווייסט נישט אַז ער האָט זיי ערשט געקויפט.

**הוי,** אַז דו זעסט אַ נייע קלייד אויף דיין חבר, זאָלסטו עס נישט צו פיל לויבן, ווייל טאָמער וועט פאַלן אַ פלעק, וועט ער זאָגן דו האָסט אַן עין הרע געגעבן.

**בני,** מיין זון, ביי דעם מענטש וואָס דו האָסט נושא חן געווען, זאָלסטו ביי אים נישט פיל זיצן, און מכל שכן דו זאָלסט אים

נישט צופיל מטריח זיין, ווייל ער וועט פון דיר זאַט ווערן און וועט דיך פיינט באַקומען.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט בעטן אַ געשאַנק פון אַ קאַרגן מענטש, ווייל עס איז אַ שאָד דיין צייט, דו וועסט נישט פועל'ן ביי אים.

**בני,** מיין זון, דו זאָלסט זיך נישט ווייזען זאַט פאַר הונגעריגע לייט. זיי געוואָרענט נישט צו דערציילן שלעכטס פון קיין שום מענטש פאַר אַסאַך מענטשן אָדער פאַר איינעם, טאָמער איז ער זיין קרוב, און דו וועסט עס נישט קענען פאַרריכטן. מיין זון, אַז מען לויבט דיך און מען מאַכט דיך גרויס, זאָלסטו זיך נידעריג מאַכן, און זייער לויב זאָל נישט אַריין גיין אין דיינע אויערן, ווייל אַ מענטש זעהט נאָר וואָס זיינע אויגן זעהן, אָבער דער אויבערשטער זעהט וואָס אין האַרץ טוהט זיך, און יעדער מענטש ווייסט דאָך ביי זיך וואָס ער איז.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט דערמאַנען דאָס ליבשאַפט פון קינדער, פאַר אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין קינדער, און מכל שכן דו זאָלסט זיך נישט שפילען מיט קינדער פאַר אים. און אויב ער איז מקפיד וואָס דו היטסט זיך פאַר אים צו שפילען מיט די קינדער, טו אויף אַזאַ אופן ער זאָל זיך נישט מצער זיין.

**בני,** מיין זון, אַז דו רעדסט מיט אַ מענטש וואָס זיין פנים איז נישט שיין אָדער ער האָט אַ מום אין זיין גוף זאָלסט נישט קוקן אין זיין פנים אָדער אויף דעם אָרט.

**בני,** מיין זון, אַז דיין חבר האָט דיך געשאָלטן און מבזה געווען, זאָלסטו אים נישט פיינט האָבן אין האַרץ, אַדרבא, טו מיט אים חסד און גוטס צו באַצאָלן צו אים דאָס גוטס וואָס דו האָסט מקבל געווען, דען דורך זיין בזיון און קללות זענן דיר נמחל געוואָרן דיינע זינד.

**בני,** מיין זון, זאָלסט נישט אַריין גיין אין דיין חבר׳ס הויז, בשעת דעם עסן.

**בני,** מיין זון, אַז מען ברענגט עסן צו אַ מענטש און דו ביסט אויך דאָרט, מאַך דיך אַז ער זאָל מיינען אַז דו האָסט שוין געגעסן, כדי דיין זיצן זאָל אים נישט שווער זיין, און בפרט אויב דאָס איז אַזאַ סעודה וואָס איז נישט גענוג צו איר בעל הבית.

**בני,** מיין זון, אויב די האָסט געגעבן אַ מתנה צו אַ מענטש זאָלסטו פאַר אים נישט פאַרבייגיין ביז אַ צייט נאָכדעם, כדי יענער זאָל נישט מיינען אַז דו גייסט אַדורך כדי ער זאָל דיר אָפּגעבן כבוד, אויך דער וואָס האָט גענומען די מתנה זאָל נישט פאַרבייגיין, פאַר דעם וואָס האָט אים געגעבן די מתנה, ביז אַ צייט שפּעטער, כדי ער זאָל נישט מיינען אַז ער וויל נאָך אַ מתנה.

**בני,** מיין זון, יעדע מצוה וואָס דו טוהסט זאָל ביי דיר גערעכנט זיין ווי דו טוהסט די ערשטע מצוה, דורך דעם וועסטו קומען צו פיל מצוות.

**בני,** מיין זון, זיי געוואָרנט, אַז דו ביסט חלילה נכשל געוואָרן אין אַ עבירה, זאָל דאָס ביי דיר נישט גרינג זיין, נאָר דו זאָלסט תיכף תשובה טון.

**בני,** מיין זון אַז דו ביסט אַ עושר און אָנגעקליידעט מיט טייערע קליידער, און ביסט חשוב ביי מענטשן, זאָל ביי דיר קיין שום מענטש נישט קליין זיין, ווייל דאָס געלט און כבוד וואָס דו האָסט, דאָס איז נישט באַהאָפטן צו דיין גוף, היינט זענען זיי ביי דיר, מאָרגן ביי אַן אַנדערן, ווייל דאָס עשירות איז אַ ראָד וואָס דרייט זיך ארום אויף דער וועלט, היינט איז דאָס ביי דיר און מאָרגן דרייט זיך עס איבער צו אַנדערן, און אַזוי ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, פאַרוואָס ווערט דאָס געלד אָן גערופן ״זוזים״ ווייל ״זוז״ איז דער טייטש רוקן, עס רוקט זיך אַוועק פון איינעם צום אַנדערן.

**בני,** מיין זון אַז דו זיצט צווישן לייט, פאַרשליס דיין מויל פון רעדן, ווייל פון פיל רעדן קומט נישט קיין כבוד, דורך פיל רייד ווערט נישט פאַרמיטן קיין זינד, און דער תנא האָט געזאָגט: און איך האָב נישט געפינען קיין בעסערע זאַך פאַר דעם גוף ווי צו שווייגן. און כאָטש די רייד זענען זיס צו די וואָס הערן זיי, זאָלסטו אָבער וויסן, אַז דו ווערסט פון דאָרט נישט אַוועק גיין אָן קריג, דעריבער איז בעסער זאָלסט שווייגן. קענסט רעדן נאָר דברי תורה און מוסר אָדער אזעלכע מעשיות וואָס ברענגען צו יראת שמים.

**בני** מיין זון, אַלע דיינע מעשים זאָלן זיין לשם שמים און השי״ת וועט דיר רעכטפאַרטיגן דיין וועג.

**בני,** מיין זון, יעדע זאַך וואָס דו טוסט זאָלסטו זאָגן ״לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״, און דאַן וועט רוען די שכינה אין דיין אַרבעט.

**בני,** מיין זון דו זאָלסט זיך נישט פאַרזיכערן אין דיין חכמה, און אַלע זאַכן וואָס דו טוסט און באַגליקסט, זאָלסטו וויסן אַז דיין חכמה האָט גאָר נישט געטאָן, נאָר דורך דער ווילן פון גאָט איז אַזוי. ווייל עס איז דאָך דאָ פיל גרעסערע חכמים פון דיר און זייער חכמה העלפט זיי נישט צובאַגליקן. און שלמה המלך ע״ה האָט געזאָגט ״**וגם לא לחכמים לחם**״, נישט אַלע חכמים האָבן ברויט.

**בני,** מיין זוהן, אין יעדע צייט און רגע זאָלסטו גערענקען אין דעם טויט און יום הדין, און דאָס האַלט צוריק דעם מענטש אַז ער זאָל נישט זינדיגן.

**בני,** מיין זוהן, דעם טאָג ווען דו פאַסט זאָלסטו נישט זאָגן פאַר קיין שום מענטש, און דו זאָלסט זיך נישט גרויס האַלטן, טאָמער וועט דיין תענית נישט אָנגענומען ווערן דורך דעם.

**בני,** מיין זוהן, זיי צו נוצן פאַר אַנדערע מער ווי פאַר זיך, ווייל עס איז נישט גלייך דער מענטש וואָס טוט גוטס מיט זיך אַליין, צו דעם

וואָס טוט גוטס מיט אַנדערע, ער ווייזט אַז ער האָט ליב די מצוה פון צדקה, און מענטשן לערנען זיך אָפּ פון אים.

**בני,** מיין זוהן, אויב דו ווילסט טוהן אַ מצוה און דו טרעפסט שטערונגען, זאָלסטו זיך מער שטאַרקן עס צו טוהן, ווייל נאָר דער שטן וויל דיך שטערן, און די אַלע מניעות זענען פון דעם שטן.

**בני,** מיין זוהן, דאָס עסן וואָס בלייבט איבער ביי דיר, זאָלסטו עס געבן צו אָרימע שכנים, און דו זאָלסט נישט טראַכטן ווי אַזוי וועל איך זיי געבן וואָס איך וויל עס נישט עסן, דאָס איז אַן איבעררעדונג פון יצר הרע ער זאָל דיך פאַרמיידן פון אַ מצוה, ווייל די זאַך וואָס בלייבט ביי דיר איבער, איז עס ביי די אָרימע לייט אַ גוט עסן.

**בני,** מיין זוהן, אויב אַ מענטש גייט אַריין אין דיין שטוב, זאָלסטו אים געבן עסן און טרינקען לויט דיין מעגליכקייט.

**בני,** מיין זוהן, אויב דו זעסט אַן אַרימאַן וואָס גייט נאַקעט, זאָלסטו פאַר אים מאַכן אַ מלבוש, כאָטש פון דיינע אַלטע קליידער, ווייל כאָטש ביי דיר איז עס גאָרנישט ווערט, אָבער פאַר דעם אָרימאַן איז דאָס זייער גוט.

**בני,** מיין זוהן, אויב דו הערסט לויבן דיין חבר, זאָלסטו אים אויך לויבן.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואָרנט אונטערצושטיצן אַ חתן וואָס גייט חתונה האָבן, זאָלסט פאַר אים גרינגער מאַכן די הוצאות פון פרנסה. זאָלסט אים זאָגן אַז דער אויבערשטער, ברוך הוא, שפּייזט און גרייט אָן פרנסה פאַר יעדן מענטש אין זיין צייט, און דורך דעם וועט ער גיין אונטער דער חופה מיט שמחה און ער וועט באַקומען בטחון אין האַרץ. און אויך זאָלסטו אים פריילין מאַכן און אים ערליך האַלטן אין דעם טאָג פון זיין חופה, און דערציילן זיין לויב אַז די כלה און קרובים זאָלן הערן.

**והוי,** זיי געוואָרנט צו טרייסטן אַ מענטש וואָס זיינע קינדער זענען געשטאָרבן, און בפרט אַזאַ מענטש וואָס ביי אים איז געשטאָרבן אַ בן יחיד רחמנא ליצלן, זאָלסטו אים טרייסטן מיט רייד וואָס זאָלן אַריינגיין אין זיינע אויערן און ער זאָל מקבל זיין דיין טרייסט. דהיינו, זאָלסט אים זאָגן אַז אַ מענטש דאַרף טוהן דאָס געבאָט פון אויבערשטן צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, און סיי זיי לעבן און סיי נישט ח״ו, באַקומט ער אַלץ זיין שכר, און אפילו ווען זיי זענען געשטאָרבן זענען זיי נישט פאַרלוירן, ווייל זיי זענען אין גן-עדן. אייביג ווערן זיי אָנגערופן זיינע קינדער, און צום סוף וועט ער זיין מיט זיי. און אויך זאָלסטו אים זאָגן, אַז אויב זיי וואָלטן געווען אויף דער וועלט, טאָמער וואָלטן זיי שלעכט געווען, אָבער יעצט איז ער פאַרזיכערט אין זיי פון אַלערליי שאָדן, און אַז ער וועט שטאַרבן, וועלן זיי אים אַנטקעגן גיין און אים ברענגען אין גן עדן.

**וכיון,** און וויבאַלד אַזוי, וואָס האָט ער צו וויינען מער ווי דער צייט וואָס אונזערע חכמים האָבן געגעבן, דריי טעג אויף געוויין, זיבן טעג אויף קלאָגן, דרייסיג טעג נישט צו שערן זיך, אָבער דער וואָס וויינט און קלאָגט מער פון דער צייט, איז ער ווערט אַן עונש. דער מענטש דאַרף טוהן נאָר דאָס געבאָט פון דעם אויבערשטן, ווייל דערצו איז ער געקומען אויף דער וועלט, און דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל טוהן אין זיין וועלט וואָס ער וויל. און נאָך מיט ענליכע רייד זאָל ער אים טרייסטן.

**והוי,** און זיי געוואָרנט אין אַן עושר וואָס איז אָרים געוואָרן, דו זאָלסט אים שטאַרקן און האַלטן אים ערליך אַזוי ווי פריער, און דערצייל אים וואָס עס האָט זיך געטראָפן צו אַ סאַך עשירים וועלכע זענען אָרים געוואָרן און זענען דערנאָך ווידער רייך געוואָרן.

**און** זיי געוואָרנט נישט אַרויסצואווייזן קיין אָרעמקייט צו דיין הויז געזונט, און אַלץ וואָס דיין ווייב בעט פון דיר, זאָלסטו איר צוזאָגן

צו טוהן, און דער אויבערשטער ברוך הוא וועט עס דיר באַשערן, ווייל זי קוקט אַרויס אַז דו זאָלסט איר געבן און דו קוקסט אַרויס אַז דער אויבערשטער זאָל דיר געבן. און אויב דו קענסט איר נישט נאָכגעבן איר פאַרלאַנג, זאָלסטו זאָגן צו איר, עס איז מיר נאָך נישט אָנגעקומען און איך וואַרט ביז עס וועט מיר אָנקומען, און ער זאָל איר מדחה זיין מיט רייד ביז זי וועט פאַרשטיין אַז ער האָט נישט.

**הכלל,** דער כלל איז, עס זאָל נישט אַרויסגיין פון זיין מויל אַז ער פאַרמאָגט נישט, ווייל ער וועט ביי איר ווערן פאַרשעמט און עס וועט זיך מערן די קריגעריי צווישן זיי. אָבער אַזוי לאַנג ווי ער וועט איר צוזאָגן צו געבן אין אַ צייט אַרום, וועט זי דערווייל פריילעך זיין. און אויב דו וועסט איר נישט פריילעך מאַכן אויף אַזאַ אופן, וויאַזוי דען קענסטו איר פריילעך מאַכן, ווייל אין אמת׳ן האָסטו דאָך נישט.

**וביום,** און אין דעם טאָג ווען דו פאַרדינסט עפּעס, גיב איר פון דעם געלט, דורך דעם וועט זי דיר גלייבן ווען דו וועסט איר עפּעס צוזאָגן און עס וועט זיין שלום ביי אייך אין שטוב ביז דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין איבער אייך אַלע. און דו זאָלסט נישט דערציילן צו דיין הויז געזינד וועגן דיין רוחק, ווייל זיי קענען דאָך דיר נישט העלפן נאָר זיי וועלן לעבן אין צער. זאָג זיי, בעט דעם אויבערשטן פון מיינעט וועגן אַז ער זאָל מיר געבן איך זאָל אייך קענען מפרנס זיין. אפילו אַן עושר באַדאַרף אויך אַזוי זאָגן.

**והוי,** זיי געוואָרנט, אויב מען גיט דיר ווייניג עסן, האַלט זיך צוריק פון עסן, גלייך ווי דו ביסט זאַט, כדי עס זאָל זיין גענוג פאַר דיין הויז געזינד.

**און** אפילו ווען דו ביסט טרויעריג זאָלסטו פאָרט אַרויסווייזן אַ פריילעך פנים פאַר דיין ווייב, כדי עס זאָל איר נישט דאַכטן אַז דו האָסט עפּעס אַ שנאה אויף איר, און אַז דו וועסט איר אפילו דערציילן די זאַך וועט זי דיר נישט גלייבן.

**בני,** מיין זוהן, זאָלסט זיין שטרענג צו דיינע קינדער, ביז זיי וועלן חתונה האָבן, און אייביג זאָלן זיי זיין אונטער דיין אויפזיכט. דו זאָלסט זיי נישט לאָזן בטל זיין פון לערנען אפילו איין רגע, און לערן זיי שרייבן, און זיי זאָלן זיין בקי אין אַלע דברים שבקדושה, און לערן זיי אויס אַ מלאכה, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט, און וואָרן זיי אָן אַז זיי זאָלן לערנען תורה, און דו זאָלסט זיי געוואוינען אין זאַכן פון פרומקייט, און ווען זיי וועלן גרויס ווערן וועט דאָס שוין ביי זיי נישט זיין שווער.

**והוי,** זיי געוואָרנט, אַז דאָס בעסטע עסן זאָלסטו געבן פאַר דיין פרוי, כדי איר גאַנצער געדאַנק זאָל זיין וועגן דיר, און זי וועט מגדל זיין דיינע קינדער מיט ליבשאַפט צו תורה, ווי דיין ווילן איז.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואוינט אין דער מדה פון וותרנות, אפילו מיט דעם ביסל וואָס דו האָסט. און אַפילו ווען דו האָסט טרויערקייט זאָלסטו רעדן מיט אַ פריילעך פנים.

**בני,** מיין זוהן, ווען דו ביסט אויף אַ סעודה פון אַ שמחה זאָלסטו נישט דערמאַנען פון שטאַרבן און פון טרויעריגקייט, חוץ אויב דו זעסט אין דער סעודה אומאָרנטלעכקייט, דעמאָלט זאָלסטו זען אַז עס זאָלן אַריינקומען אַזעלכע רייד וואָס מאַכן אונטערטעניג דאָס האַרץ.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט נישט רעדן צופיל מיט די ווייבער פון דיינע שכנים.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט טוהן גוטס מיט אַלע מענטשן פון דער וועלט, סיי צו אַ איד און סיי צו אַ גוי.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואָרנט פון הרג׳ענען אַ באַשעפעניש אויף דער וועלט, אויסער די וועלכע זענען מזיק, וואָס די חכמים זכרונם לברכה האָבן מתיר געווען זיי צו הרג׳ענען, גלייך ווי אַ משוגענעם הונט און דאָס גלייכן. און דו זאָלסט נישט אַרויסרייסן אומזיסט קיין

שום גרעזל, נאָר חוץ וועגן אַ רפואה, אָדער וועגן אַן אַנדערע זאַך וואָס דו באַדאַרפסט.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט נישט שפּעטן פון אַ נאַר אָדער פון אַ מענטש וואָס האָט אַ פעלער, ווייל דו ווייסט נישט וואָס דיר קען נאָך געבוירן ווערן.

**בני,** מיין זוהן, ווען שבת און יום טוב גייען אַוועק, זאָלסטו זיין אַביסל טרויעריג, צו ווייזן אַז דו בענקסט נאָך דעם שבת און נאָך יום טוב, און זיי זענען אויף דיר נישט אַזוי ווי אַ משא.

**בני,** מיין זוהן, ווען דו קויפסט איין לכבוד שבת, זאָלסטו עס קויפן בשעת דו ביסט הונגעריג, ווייל דורך דעם וועסטו קויפן אַ סאַך, ווייל ווען אַ מענטש איז הונגעריג דאַכט זיך אים אַז ער וועט זייער פיל עסן. אין דער וואָכן זאָלסטו גיין קויפן בשעת דו ביסט זאַט.

**בני,** מיין זוהן, אַלע הוצאות וואָס דו גיסט אויס אויף אַ דבר מצוה, זאָל דאָס זיין מיט גרויס שמחה, דאַן וועסטו זוכה זיין צו עשירות און חכמה.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט טראַכטן אין דברי תורה אָדער אין אַ דבר מצוה אַפילו בשעת דו גייסט אויף די גאַס.

**בני,** מיין זוהן, אויב דו זעהסט אַ מענטש וואָס איז טרויעריג, זאָלסטו אים פרעגן פאַרוואָס ער איז טרויעריג, ווייל דערמיט וואָס ער וועט דיר דערציילן גייט אַביסל אַוועק זיין צער, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט אַז אויב אַ מענטש האָט אַ צער זאָל ער דאָס אויסרעדן פאַר אַנדערע.

**בני,** מיין זוהן, זאָלסט נישט אַרויסגיין אויפ'ן גאַס אָן אַ פּרוטה, ווייל אַפילו איין פּרוטה איז מציל פון טויט, ווען ער וועט זען אַן אָרימאַן וועט ער אים קויפן ברויט און ער וועט אים מחי' זיין.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואָרנט אום יום טוב צו גיין זען זיך מיט אַ קרוב אָדער מיט אַ ליבהאָבער, אויך צו אַ שכן און צו די אָרימע לייט וואָס וואוינען מיט דיר אין איין הויף.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואָרנט צו מאַכן אַ ברכה איבער פירות, אין דעם טאָג פון חמשה עשר בשבט, ווייל דאָס איז אַ מנהג פון פרומע אידן.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט מקרב זיין דיינע אָרימע קרובים און גיין צו זיי אויף זייערע שמחות און אין זייער טרויעריגקייט, און צו אַלע שמחות וואָס דו מאַכסט זאָלסטו זיי רופן צוערשט.

**בני,** מיין זוהן, אויב דער אויבערשטער, ברוך הוא, האָט דיך מזכה געווען מיט אַ זיס קול, זאָלסטו נישט זינגען קיין אויסגעלאַסענע לידער, נאָר אַזעלכע געזאַנגען וואָס זענען אַ לויבונג צום אויבערשטן ברוך הוא, און דאָס געזאַנג זאָל זיין מיט יראת שמים, און נישט מיט קלות ראש, און אויך נישט פאַר ווייבער, כדי דיין זיס קול זאָל נישט זיין פאַר דיר אַ שטרויכלונג.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואָרנט עס זאָל נישט געזען ווערן קיין פלעק אויף דיינע קליידער, און צו יעדער צייט זאָל דיינע קליידער זיין ווייס.

**בני,** מיין זוהן, זאָלסט צוטיילן דעם טאָג, אַ האַלבן טאָג לערנען און אַ האַלבן טאָג טוהן גמילות חסד.

**בני,** מיין זוהן, אין אַלע ערטער וואו דו וועסט אַריינגיין, זאָלסטו באַשטימען דיין זיצונג צווישן די אָרימע לייט וואָס זענען דאָרט, און דורך דיר וועט מען זיי אויך ערלעך האַלטן און געבן די בעסטע מאכלים.

**בני,** מיין זוהן, אויב דו גייסט אויף אַ סעודה זאָלסטו דאָרט נישט פיל זיצן, און מכל שכן אַז דו זאָלסט זיך נישט אָנשיכור'ן און דו

זאָלסט נישט עוסק זיין אין שפעטערייי.

**בני,** מיין זוהן, ווען דו ביסט מיט מענטשן צוזאַמען און דו הערסט ווי זיי שענדן אַ מענטש, זאָלסטו אַנטלויפן.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואָרנט פון שפּאַצירן און פון טרינקען שטאַרקע משקאות, ווייל זיי זענען אַזוי ווי שטריק אַריינצושלעפּן דיך אין גיהנם.

**בני,** מיין זוהן, זיי נישט מקנא אין דעם וואָס די רשעים באַגליקן, און זיי נישט מקנא אין זייער כבוד, ווייל זיי וועלן פאַרלוירן ווערן און דו וועסט בלייבן שטיין אויף אייביג.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט אָפּהאַלטן דיין ווייב אַז זי זאָל נישט גיין שפּאַצירן אין ווײַן גערטנער און צווישן ווייבער וואָס רעדן ניבול פה. אָבער דאָס זאָל נישט זיין מיט מחלוקת, נאָר מיט גוטע רייד, אַז זי זאָל זוכה זיין צו גוטע קינדער.

**ואַל,** זאָלסט נישט אָפּהאַלטן דיין פרוי, פון גיין צו איר פאָטער און מוטער אָדער צו אירע קרובים, ווייל דאָס ברענגט אַ קריגערייי אין הויז. אָבער אויב פון דעם וואָס זי גייט אַהין קומען אַרויס שלעכטע עצות, זאָלסטו זיך שטאַרקן איר צו פאַרמיידן פון צו גיין אַהין, ווייל דער סוף וועט נישט זיין גוט.

**בני,** מיין זוהן, ווייס אַז פון קרובים און פון באַקאַנטע קומט שאַנד מער ווי פון פרעמדע.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט זיך נישט באַהעפטן מיט אַ כעסן און מיט אַזעלכן וואָס האָט שלעכטע מידות, קיין חברותא צו מאַכן מיט אים און נישט צו וואוינען ביי אים, ווייל דו וועסט מוזן זיין אַ קנעכט צו אים און דו וועסט נישט האָבן קיין שליטה איבער דיין געלט.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט נישט רעדן מיט אַ מענטש וואָס אים דאַכט זיך אַז ער איז אַ חכם, ווייל דו וועסט פאַרדאַרבן דיינע זיסע רייד

און ער וועט דיך זידלען. דערווייטער זיך פון אים.

**בני,** מיין זוהן, באַגער נישט קיין גרויסקייט און גלוסט נישט קיין כבוד, ווייל דו וועסט נאָך פאַרלירן די גרויסקייט און כבוד וואָס דו האָסט פון פריער.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט נישט מאַכן שותפות מיט אַ רמאי, אַ ליגנער, ווייל דו וועסט אַוודאי נישט פאַרדינען און דיין געלט וועט בלייבן ביי אים.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט זוכן פאַר דיינע טעכטער מענער תלמידי חכמים, מיט גוטע מידות. אויב דו וועסט נישט געפינען אַזעלכע, נעם ערלעכע מענטשן וואָס האָבן גוטע מידות, און פון מיוחסים. על כל פנים קיין עם הארץ זאָלסטו נישט נעמען, ווייל עס איז גלייך ווי דו פאַרקויפסט דיין טאָכטער פאַר אַ דינסט אין אַן אומדערבאַרעמדיגע האַנט, וואָס דו וועסט איר שוין קיינמאָל נישט קענען אויסלייזן, און אַלע אירע טעג וועלן זיין טרויעריגקייט און זיפצן און שאַנד.

**בני,** מיין זוהן, אויסער די מצוה מבקר חולה צו זיין, זאָלסטו באַזוכן קראַנקע וואָס האָבן שווערע יסורים, כדי דיין האַרץ זאָל זיין אונטערטעניג, ווייל דאָס וואָס דו הערסט וועגן די יסורים, וועקט נישט אַזוי אויף דיין האַרץ, ווי ווען דו זעסט אַליין די יסורים.

**מי,** ווער איז גרעסער פון משה רבינו עליו השלום, קענסטו זעהן אַז ווען דער אויבערשטער ברוך הוא האָט צו אים געזאָגט, די אידן האָבן געמאַכט אַן עגל, כאָטש די זאַך איז דאָך ביי אים געוויס געווען זיכער, פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן, אַראָפּצוגיין מיט די לוחות, און ווען ער האָט געזען דאָס עגל און די טענץ, האָט ער צובראָכן די לוחות, ווייל וואָס מען זעט מיט די אויגן ווירקט עס מער אויף דעם מענטש ווי ווען ער הערט.

**בני,** מיין זוהן, דו זאָלסט נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט פון דיין מויל, ביז דו וועסט עס פריער איינשלינגען זיבן מאָל, און דערנאָך זיי

דיך ערשט גוט מיישב, איידער דו וועסט עס אַרויסרעדן.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואָרנט פון גיין אין אַ הויז פון אַן עושר, אויב דו האָסט גאָרנישט פון אים, ווייל דאָס גיין צו אים וועט דיר אָנטוהן שאָדן, ווייל אין אַ צייט וואָס עס וועט דיר שלעכט גיין ח״ו וועלן אַלע זאָגן אַז דער עושר האָט די השגחה אויף אים, און דו וועסט דערווייל שטאַרבן פאַר דיין צייט.

**בני,** מיין זוהן, זאָל ביי דיר נישט צו ווייניג זיין איין פיינט, כאָטש דו האָסט טויזנט פריינט. ווייל איין פיינט קען איבערדרייען טויזנט פריינט צו פיינט, און די טויזנט פריינט קענען נישט איבערדרייען איין פיינט צו אַ פריינט.

**בני,** מיין זוהן, זיי געוואָרנט, ווען דו גייסט אַריין אין דיין חבר׳ס הויז, זאָלסטו דאָרט נישט עסן קיין שום זאַך אָן דעם רשות פון בעל הבית, טאָמער איז דאָס אַן איסור זאַך וואָס מען האָט עס געמאַכט פאַר אַ רפואה.

**וכן,** אויך דער בעל הבית זאָל נישט איבערלאָזן אין זיין שטוב אַן איסור זאַך אויף אַזאַ אָרט וואו יעדער מענטש קען עס נעמען, טאָמער וועט עמיצער אַריינגיין און וועט עס עסן אָן זיין וויסן.

**בני,** מיין זוהן, אנשטאָט דו זאָלסט איבערלאָזן דיין געלט נאָך דיין טויט, גיב עס בעסער פאַר צדקה ביי דיין לעבן, כדי דיין נשמה זאָל ווערן אָנגעקניפּט אין דער שכינה.

**בני,** מיין זוהן, גיב צדקה סיי אויב דו האָסט אַ סאַך געלט, סיי ווייניג, גיב אַלץ לויט דיין פאַרמעגן, און אויב דו האָסט גאָרנישט טו צדקה און גמילות חסד מיט דיין גוף. און אויב דו ביסט קראַנק זאָלסטו זיך מצער זיין וועגן די אָרימע לייט, און אַז זיי קומען פאַר דיר בעט זיי איבער מיט רייד און שטאַרק זייער האַרץ צום אויבערשטן ברוך הוא, וואָס ער האָט די מאַכט נידעריגער צו מאַכן און צו דערהייבן.

## הוספה לאות ט׳ – ע׳ ו׳

## אַ גלגול אין אַ גרויסע זשאַבע

**אין** אַ געוויסן טאָג זענען געקומען רויבער און פאָרגעלייגט פאַרן בעל שם טוב: ״רבי, מיר ווייסן פון זייער אַ קורצן וועג אָנצוקומען קיין ארץ ישראל, אַ וועג דורך היילן און גריבער. און אויב עס איז באַוויליגט פאַר דעם רבי׳ן, וועלן מיר גיין פאַר אייך צו ווייזן דעם וועג״.

**דער** בעל שם טוב האָט זיך מיט זיי אַרויסגעלאָזט אין וועג. גייענדיג, זענען זיי אָנגעקומען צו זייער אַ טיפן טאָל, פוהל מיט וואַסער, בלאָטע און ליים, וואָס מען האָט געקענט דורכגיין נאָר אויף אַ ברעטל וואָס איז דאָרט געלעגן פון זייט צו זייט. די רויבער זענען אַריבער די ערשטע, אָנהאַלטנדיג זיך אין אַ פלאַכן האָק וואָס האָט געשטעקט אין דעם וואַסער זאַמלונג. דער בעל שם טוב האָט זיך געגרייט אַריבער צו גיין נאָך זיי, אָבער אַרומקוקנדיג זיך ביים וואַסער, האָט ער געזען, אַז דאָרט איז דער אָרט פון ״להט החרב המתהפכת״, האָט ער זיך גלייך אומגעקערט, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ גרויס געפאַר פאַר אים, אויב ער וואָלט אַריבער דעם וועג.

**דער** בעל שם טוב האָט געטראַכט, דאָס דער וועג איז געוויס נישט געווען אומזיסט, און יעדער זאַך האָט זיין ציל. גייענדיג צוריק, האָט ער באַגעגנט אַ ריזיגע דזשאַבע (צפרדע), וואָס איז אַזוי גרויס געווען, אַז מען האָט קוים געקענט פעסטשטעלן וואָספאַראַ באַשעפעניש עס איז. האָט דער בעל שם טוב געפרעגט די מאָדנע באַשעפעניש ״ווער ביזטו?״ האָט די פראָש געענטפערט: ״אַ תלמיד חכם וואָס איז מגולגל געוואָרן אין די צפרדע״. האָט דער בעל שם טוב ווייטער געזאָגט: ״דו ביזט אַ תלמיד חכם!״ און מיט די ווערטער האָט ער אים פיהל דערהויבן. די באַשעפעניש האָט דערציילט פאַרן בעל שם טוב, אַז ער איז שוין מגולגל אין דזשאַבע פינעף הונדערט יאָר. טראָץ דעם וואָס דער אר״י זצוק״ל האָט מתקן געווען אַלע נשמות, האָט מען

אים אָבער דערווייטערט פון וואו מענטשן געפינען זיך, כדי מען זאָל אים נישט מתקן זיין.

[**אַנדערע** דערציילן, אַז דער בעל שם טוב האָט באַגעגנט אָט דאָס באַשעפעניש, אין אַ צייט ווען ער האָט געבלאָנדזשעט נאָכאַנאַנד דריי טעג און נעכט, זייענדיג פאַרטיפט אין זיינע הימלישע געדאַנקען. פּלוצלונג האָט ער באַמערקט ווי ער געפינט זיך אין אַ גרויסן ווייטן שרעקליכן מדבר, האָט עס אים שטאַרק פאַרוואונדערט, פאַרוואָס ער איז אַזוי פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, אַזוי טראַכטנדיג, איז אָנגעקומען אָט די גרויסע דזשאַבע, אַז ער האָט כמעט נישט דערקענט וואָס פאַרא באַשעפעניש דאָס איז].

**דער** בעל שם טוב האָט געפרעגט דאָס באַשעפעניש, וואָס זיין זינד איז געווען. האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט איינמאָל גרינג געשעצט אין נטילת ידים און האָט זיך נישט געוואַשן ווי עס דאַרף צו זיין, האָט דער שטן גלייך גענומען מקטרג זיין. פון הימל האָט מען אים אָבער געענטפערט, אַז מען קען אים נישט פאַראורטיילן פאַר איין דורכפאַל, נאָר אויב ער וועט אים קענען ווייטער שטרויכלען, וועט אויך גערעכנט ווערן די ערשטע זינד, און אויב ער וועט דיך בייקומען, וועט אויך די ערשטע זינד פאַרגעבן ווערן.

**דאַן** האָט זיך דער בעל דבר גענומען צו די אַרבעט, און "עבירה גוררת עבירה". ער האָט אים אויסגעפּרובט מיט נאָך אַ זינד, וואו ער איז נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון. אַזוי ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז ער האָט עובר געווען כמעט אויף די גאַנצע תורה, און עס איז באַשטימט געוואָרן אין הימל אים צו פאַרשטופן נישט אָנצונעמען זיין תשובה.

**אָבער** מיט דעם אַלעם, ווען ער וואָלט זיך ריכטיג אומגעקערט און תשובה געטאָן מיטן גאַנצן האַרץ, וואָלט מען אים דאָך אָנגענומען. דער הימלישער בת קול רופט דאָך: "שובו בנים שובבים"

(אויסער אחר!). און דער שטראָף איז געווען בלויז אים אָפּצושטופּן. אָבער ווען ער שטעלט זיך פעסט, וואָלט מען יאָ אָנגענומען זיין תשובה. אַזוי האָט אים דער שטן ווייט פאַרפירט ביז צו שכרות – צום טרינקען, און אַזוי אַרום נישט קענען זיך באַרעכענען און טראַכטן וועגן זיין פיהרונג, אַזוי ווייט אַז ער האט פאַרשוועכט אַלעס אויף דער וועלט. און וויבאַלד די ערשטע זינד וואָס האָט צו דעם אַלעם געברענגט איז געווען וואָס ער האָט גרינג געשעצט נטילת ידים – דערפאַר איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דזשאַבע וואָס געפינט זיך שטענדיג אין וואַסער, און דערווייטערט געוואָרן פון מענטשליכע אומגעבונג. ווייל ווען אַ איד גייט פערביי און מאַכט אַ ברכה, אָדער טראַכט אַ גוטע געדאַנק, קען ער אַרויסנעמען די נשמה פון שאול-תחתית.

**דער** בעל שם טוב האָט מתקן געווען די נשמה און איר דערהויבן, ביז די דזשאַבע איז געבליבן ליגן טויט.

(שבחי בעש"ט, אות ו')

❖ ❖ ❖

בעזרת השם יתברך

## הפרשה הזאת

# נדבת

הרה״ח מוהר״ר

## שלמה בן אדל ודוד דיין נ״י

לעילוי נשמת זקינו הרה״ח

## מוהר״ר דוד בן שלמה ורחל ע״ה

# ת. נ. צ. ב. ה.